**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף מעידזשאר ליעג בעיסבאָל סעזאן

״מעידזשאר ליעג בעיסבאָל און איר פארבינדענע עקאנאמישע ווירקונגען זענען קריטיש-וויכטיג צו ניו יארק סטעיט און אונזער פאנדעמיע ערהוילונג. ניו יארק איז נישט נאר דער וואוין-ארט פאר׳ן ליעגע, נאר אויך פאר טויזנטער ניו יארקער, אריינגערעכנט פילע אין די בראנקס און קווינס, וועמענס פרנסות זענען אנגעוויזן אויף געימס וועלכע קומען פאר ביי סטאדיומס לויט׳ן סקעדזשול.

עס איז נישט דא עפעס מעכטיגער ווי ווען אמעריקאנער זענען פאראייניגט ארום אן אלגעמיינעם צוועק. איך בין געמוטיגט דורך ווי פאראייניגט אונזער לאנד איז געווארן אין שטיצן דעמאקראטיע און די מענטשן פון אוקריינע וועלכע קעמפן פאר פרייהייט קעגן גרויזאמע אנגרייפן פון רוסלאנד. איך ווייס אז בעיסבאָל איז אויך א פאראייניגונגס קראפט אין אונזער לאנד, און א סימבאל צום לאנד פון אפטימיזם, צוזאמארבעט און אמעריקאנע ווירדן. אזוי ווי מיר בויען זיך ווייטער איבער פון דער פאנדעמיע און העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך ערהוילן פון די פיין און ליידן איבער די פארלאפענע צוויי יאר, קומט זיך פאר ניו יארקער און פאר אלע אמעריקאנע די פרייד און האפענונג וואס בעיסבאָל ברענגט אונז יעדן פרילינג. איך האב גערעדט מיט די פארמישטע פארטייען לעצטנס און זיי געמוטיגט צו קומען צו דעם פאראהאנדלונגס טיש מיט לייזונגען און ארבעטן אויף אנצוהויבן דעם סעזאן. פלעי באָל!״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418